גליון
# באור החיים

פרשת דברים - תשפ"ו לפ"ק | גליון תתפ"ט

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
מוה"ר **צבי דוב דייטש** הי"ו
לעילוי נשמת אביו הרה"ח ר' **מרדכי נתן** בן ר' **נחמן** ע"ה
יארצייט ביום השב"ק - ד' אב הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **פנחס מרדכי יודא קליין** הי"ו (פלארידא)
לע"נ אביו הרה"ח ר' יצחק אייזיק בן ר' יוסף צבי ז"ל - יארצייט ה' אב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

### לבני ישראל יש כח לעשות ענינים שהם למעלה מן הטבע

**אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל בעבר הירדן.**

הקשה בספר הק' בת עין דהיאך אפשר ששישים ריבוא ישראל שמעו יחד את קולו של משה. ומביא שם בשם חמיו, כי בעל כרחך צריך לומר כי קולו של משה היה הולך וגדל למעלה מדרך הטבע, וכמו שנאמר במתן תורה (שמות יט יט) משה ידבר והאלקים יעננו בקול, ופרש"י הק', הקב"ה מסייע לתת בו כח להיות קולו מגביר ונשמע, כן כאשר דיבר אל כל ישראל את ספר דברים, היה הקול הולך ומתגבר למעלה מדרך הטבע, כי השכינה היתה מדברת מתוך גרונו של משה.

ועל פי יסוד זה פירש חמיו זצ"ל, מה שאמר הכתוב, "בעבר הירדן", פי' באותיות שהם אחרי תיבת ירדן, אחר יוד 'כ"ף', אחר ריש 'שי"ן', אחר דלת 'ה"א', ואחר נון 'נו"ן' אחרת, והם אותיות ש'כ'נ'ה', וזהו "אשר דבר משה אל כל ישראל בעבר הירדן", שהיה בכחו לדבר אל כל ישראל יחד, כיון שדיבר אליהם בכח השכינה שהיתה מדברת מתוך גרונו.

וזה בא ללמד לאדם דעת, כי כל ענין לימוד התורה ניתנה לבני ישראל למעלה מדרך הטבע, לכן אף כאשר נראה בעיני האדם, שאי אפשר לו לקבל עליו את עול התורה, ושבדרך הטבע אי אפשר לו לקיים את מצות ה', כי יש לו מניעות ועיכובים, עליו לזכור כי הקב"ה נותן לו את התורה למעלה מדרך התורה, אלא שגם האדם מצדו צריך לקבל על עצמו לקיים את התורה למעלה מטבעו ולמעלה מכחותיו, כי בני ישראל אינן נתונים תחת שלטון הטבע, ויש להם כח לעשות עניינים שהם למעלה מכחות הגוף ולמעלה מן הטבע.

(פתג"ק וילך)

### משה רבינו בביאור התורה לבני ישראל

**בעשתי עשר חודש באחד לחודש וגו' הואיל משה באר את התורה הזאת לאמר.**

דקדקו המפרשים מהו דכתיב "לאמר" הלא הלא כעת הוא מדבר אל בני ישראל, ואם כן למי הם צריכים לומר.

ואפשר לתרץ דאיתא ברמב"ן בפרשת וארא (שמות ו' י') שכל לשון אמירה, לאמה, או אמור, פירושו שיש לפרש ולהסביר הדברים היטב, ולא לומר אותם בקיצור או ברמיזה בלבד. וזהו הביאור בכל מקום שנאמר 'וידבר ה' אל משה לאמר', שצריך משה רבנו לפרש את דבריו ולהסביר לבני ישראל את המצווה לפרטיה. וכמו שהקב"ה נתן את הנבואה למשה רבנו, שהייתה בבחינת "פה אל פה אדבר בו ומראה ולא בחידות", כך היה צריך להשפיע ולמסור אותה לבני ישראל בבהירות.

בדרך זה יש לתרץ גם את הכתוב כאן, "הואיל משה באר את התורה הזאת לאמר". משה רבנו בא לפרש את התורה לבני ישראל ולבאר אותה כדי להחדירה ללבם להבין את התורה. וזהו שנאמר 'הואיל משה באר', שמשה רבנו ביאר את התורה לבני ישראל עד שהגיעה אליהם בבחינת "לאמר", כלומר דהיתה התורה לבני ישראל בבירור דברים דנכנס התורה בתוך לבב.

(שפת"ק ט"ו בשבט)

**ושבתי בבית ה', אז מען לערנט די הייליגע תורה, לאור"ך ימים, זענען די טעג לעכטיג.**

(שפת"ק שבועות א')

## משה רבינו האט קודם מרמז געווען די דברי מוסר בדרך רמז, און אזוי איז עס נתקבל געווארן ביי כלל ישראל

**אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל.**

זאגט רש"י הק', וויבאלד עס איז דברי תוכחות סתם את הדברים והזכירן ברמז מפני כבודן של ישראל.

זענען די מפרשים מדייק אז אין די פסוקים ווייטער רעכנט משה רבינו יא אויס זייערע חטאים בפירוש, און ער פארציילט די מעשה העגל און מעשה המרגלים באריכות, איז וואס העלפט דאס אז אנהייב פון די פסוקים דערמאנט מען עס נאר ברמז.

אין מדרש שטייט אויף'ן פסוק אלה הדברים, זה שאמר הכתוב מוכיח אדם אחרי חן ימצא, דארף מען פארשטיין וואס די מדרש קומט דא זאגן מיט דעם ביי דעם פסוק.

קען מען זאגן עס מבאר זיין לויט ווי מען געפינט אין פרשת חוקת ביי די חטא מי מריבה, זאגן חז"ל לפי שבא לכלל כעס בא לכלל טעות, נאך שטייט אין חז"ל אז די חטא מי מריבה איז געווען דאס וואס ער

## דער הייליגער רבי זאגט
ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

האט געזאגט פאר כלל ישראל שמעו נא המורים, אז דאס איז געווען פאררעכנט פאר א חטא פאר משה רבינו, אז ער האט אנגערופן די אידישע קינדער מיט אזעלכע כינויים, מורים דרבנים שוטים, און ער האט געדארפט חושש זיין על כבודן, און זיי מוכיח זיין בדרך כבוד, וואס דעמאלטס וואלט דאס מער נתקבל געווארן על הלב.

פאר דעם יעצט ווען משה רבינו איז געקומען מוכיח זיין אידישע קינדער, האט ער געוואלט מתקן זיין די ביידע זאכן, אז ער זאל נישט קומען לידי כעס, און זיי מוכיח זיין בדרך כבוד, פארדעם פאר ער איז געקומען זיי זאגן דברי תוכחה, האט ער דאס דערמאנט בדרך רמז, אויף וועלכע ענין און אויף וועלכע חטא ער וויל זיי מעורר זיין, וואס דורך דעם זאל ער זיך קענען מער מתבונן זיין אין זיינע ווערטער אויף וועלכע אופן ער זאל זיי מוכיח זיין, און ער זאל נישט קומען לידי כעס, און אזוי וועט די תוכחה זיין מער בדרך כבוד, ווייל עס איז מער בדרך כבוד ווען מען דערמאנט נישט פאר א מענטש זיין חטא גלייך, נאר מען איז מקדים צו אים און אויך נאר מרמז זיין די ווערטער פאר דעם, און צוביסלעך איז מען מרחיב די דיבור, און אויף אזא אופן ווערן די ווערטער מער נתקבל על הלב.

און דאס איז מרומז אין די ווערטער פון רש"י הק', לפי שהן דברי תוכחות סתם את הדברים והזכירן ברמז מפני כבודן של ישראל, די פשט איז אז דורכ'ן זאגן מוסר בדרך רמז וועט ער נישט קומען לידי כעס בשעת'ן מוכיח זיין, ווייל דאס אליין איז כבודן של ישראל אז מען רעדט צו זיי בניחותא, נישט בדרך הקפדה, און אויך די עצם התוכחה איז מער בדרך כבוד, ווען מען דערמאנט עס מתחילה ברמז, און די צוויי ענינים זענען נכלל אין די ענין פון כבודן של ישראל.

און דאס איז די כוונה אין די ווערטער פון די מדרש, וואס זיי דרש'נען דא אויפ'ן פסוק, מוכיח אדם אחרי חן ימצא, די כוונה פון מדרש איז צו מפרש זיין די פסוק 'מוכיח אדם אחריו', דאס מיינט צו זאגן נאכדעם וואס ער האט שוין מקדים געווען צו מרמז זיין די ווערטער בדרך רמז, דעמאלטס איז 'חן ימצא', וועט די ווערטער טרעפן חן ביי דער וואס הערט עס.

(עבו"ע פתג"ק)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **פנחס פראנקל** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת אירוסי בנו החתן שלום נ"י למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### וחצירות, במחלוקותו של קרח (רש"י).

עס קען זיין א שיינע רמז פארוואס אויף די מחלוקה פון קרח נוצט די פסוק די ווארט 'וחצרות', ווייל די גמרא זאגט, אז ווען שלמה המלך האט מתקן געווען עירובין, איז ארויס געקומען א בת קול פון הימל און געזאגט "אם חכם בני ישמח לבי גם אני". לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז די גרויסע חכמה פון עירובין, אז עס זאל ארויסקומען אזא בת קול?

דאס קען זיין די פשט, אז מען זאגט אז די אידן האבן א כח זיך צוזאמנעמען און זיך צוזאמרעכענען אויף איין כזית ברויט. און ביי די מחלוקת פון קרח איז דאך לכאורה געווען א גרויסער פירוד הלבבות, און ער האט מבטל געווען די כוונה פון עירוב, קומט אויס אז ס'איז געווארן אפענע חצרות, אן קיין עירוב, דעריבער איז די תורה מרמז אין ווארט "חצירות" די מחלוקה פון קרח.

(חידושי הרי"ם)

### בשבעים לשון פירשה להם (רש"י).

מיט דעם וואס משה רבינו האט מסביר געווען די תורה אויף זיבעציג שפראכן, האט ער מקדים געווען די רפואה פאר די מכה, אז זיי זאלן זיך נישט דערשרעקן פון די גוים ווען זיי וועלן זיין אין גלות, ווייל זייערע שפראכן קומט אויך פון די תורה, ממילא האבן זיי נישט דעם כח צו טוהן שלעכטס פאר די אידן.

(קדושת לוי)

*

נאך א טעם ווערט געברענגט פארוואס משה רבינו האט ערקלערט די תורה אויף זיבעציג שפראכן, כדי ארויסצוברענגען אז אפילו אויב א איד פאלט ח"ו אריין צווישן די גוים, און וועט שוין ח"ו נאר קענען די גוי'שע שפראך, איז נאך דא א וועג אויף צוריק.

(הרה"ק מקאצק זצ"ל)

### והדבר אשר יקשה מכם תקריבון אלי ושמעתיו.

אין ספר כתר שם טוב שטייט, אז כדי צו וויסן ביי א זאך צו עס איז אויסגעהאלטן אדער נישט, זאל מען אוועק קוקן אינגאנצן פון די אייגענע הנאה, און אזוי וועט קענען מבחין זיין בין טוב לרע.

דאס קען זיין א רמז דא אין פסוק, "והדבר אשר יקשה מכם", ווען עס איז שווער צו וויסן אויב א זאך איז אויסגעהאלטן אדער נישט, "תקרבון אלי", זאל מען עס דערנענטערן צו מיר, און נישט קוקן אויף די אייגענע הנאה, דעמאלטס "ושמעתיו", וועט מען שוין פארשטיין צי מ'מעג עס טון.

(שפת אמת)

### ובדבר הזה אינכם מאמינים.

עס קען זיין א רמז אין פסוק אז ווער עס ליגט אין גשמיות און ווערט נתגשם, האט נישט די זכי' צו זעהן די אפענע ניסים וואס דער אייבערשטער טוט מיט די אידן. "אחינו המסו את לבבינו", מ'האט אונז אוועקגעקערט פונעם אייבערשטן, אז אפילו "ובדבר הזה אינכם מאמינים", די ריכטיגע ניסים גלוים זעהט מען אויך נישט און מען גלייבט נישט אין עס.

(נועם אלימלך)

### רב לכם סוב את ההר הזה.

מען קען מפרש זיין די פסוק, "רב לכם", אסאך כוחות דארף מען האבן, "סוב את ההר הזה", צו קענען אויסמיידן דעם גרויסן בארג - יצר הרע.

(מאור עינים)

## א מעשה אויף די פרשה

### סדר הפרשיות

עס איז אמאל אריינגעקומען צום הייליגן רבי ר' מאיר'ל מ'פרעמישלאן זי"ע א איד וואס האט זיך זייער אפגערעדט, אז א געוויסער איד וויל אים אויסכאפן מיט זיין פרנסה, האט אים ר' מאיר'ל געזאגט אז ער זאל טוהן עפעס אנדערש, און ער וועט זיכער מצליח זיין אין די אנדערע געשעפט פרנסה אויך.

דאן האט ר' מאיר'ל אריינגעטייטשט, 'דברים', ווען דו האסט א דין ודברים מיט א צווייטן איד, 'ואתחנן', בעט דעם אייבערשטן מצליח צו זיין, 'עקב', אבער פארדעם, 'ראה', זעה צו טרעפן א נייע פרנסה, און דערנאך 'שופטים', רוף יענעם צו א דין תורה, 'תצא', גיי ארויס פון דעם געשעפט, 'תבא', גיי אריין אין א אנדערע געשעפט, 'נצבים', וועסטו גוט שטיין, 'וילך', עס וועט דיר זיין גוט, 'האזינו', אויב דו האסט פארשטאנען וואס איך זאג דיר, 'וזאת הברכה', וועט דיר זיין א ברכה.

*

### וחצירות, בשביל לשון הרע (רש"י)

ווען הרה"ק רבי אהרן מ'קארלין זי"ע איז אמאל געווען אויפ'ן וועג צופיסנס צו זיין רבי'ן הרה"ק המגיד ממעזריטש זי"ע, האבן אים די בעלי עגלות איינגעלאדענט ארויפצוקומען אויף זייער וואגן. האט ער געהערט ווי די בעלי עגלות שמועסן ארום פארשידענע לשון הרע'ס אויף מענטשן, האט ער כסדר פרובירט צו פארדרייען די שמועס און אנגעהויבן רעדן פון פערד. ווען מ'איז אנגעקומען קיין מעזריטש, האבן אים די בעלי עגלות פארגעהאלטן, א רבי זאל רעדן פון פערד א גאנצן וועג? האט דער הייליגער ר' אהרן פון קארלין זי"ע געענטפערט, "כ'האב געזעהן ווי איר הרג'ט מענטשן מיט אייער לשון הרע, האב איך געטראכט, ענדערש זאלט איר הרג'נען פערדן ווי איידער מענטשן".

*

### יוסף ה' עליכם ככם אלף פעמים

דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע, איז אמאל געזעצן אינאיינעם מיט זיינע תלמידים און גערעדט פון פארשידענע עבירות וואס ער איז דורכגעפאלן. די חסידים זענען געזעצן און געטראכט מיט זארג, אז אויב דער רבי אליין רעדט אויף זיך אזעלכע דיבורים, וואס זאלן שוין מיר טראכטן? אזוי איז אדורך עטליכע שעה ארומגענומען מיט הרהורי תשובה. פלוצלינג האט זיך דער רבי אנגערופן, "הלוואי זאל דער אייבערשטער העלפן מיינע אייניקלעך זאלן נישט זיין ערגער פון מיר".

ווען הגאון ר' לייבל'ע אייגר ז"ל האט איבער דערציילט די מעשה, האט ער ערקלערט, אז דאס איז פשט אין די ווערטער פון משה רבינו, נאכדעם וואס ער האט מוסר געזאגט פאר די אידישע קינדער און אויספירליך אויסגערעכענט זייערע חטאים, האט ער אבער צוגעלייגט, "יוסף ה' עליכם ככם", הלוואי זאל קיין שום איד נישט זיין ערגער פון אייך.

*

### שמוע בין אחיכם

ווען דער הייליגער רוזשינער זי"ע האט בר מצוה געהאט, האט מען אים געפרעגט ווי אזוי ער האט זיך געקענט שטארקן אויפ'ן יצר הרע אן די הילף פונעם יצר טוב, האט ער געענטפערט, "איך האב פאר'ן יצר הרע געגעבן צו פארשטיין, אז מ'טאר נישט אויסהערן איין בעל דין פאר דער צווייטער שטייט אויך דארט, דעריבער האב איך נישט צוגעהערט דעם יצר הרע פאר דער יצר טוב קומט אריין".

*

דער בן איש חי ברענגט אז איינמאל האט א איד מיט א גוי געהאט א דין תורה ביי זיין זיידע, דער גוי האט פארלאנגט געלט פונעם איד, און דער איד האט עס געלייקענט, און איז אפילו געווען גרייט צו שווערן. ווען דער דיין האט אויסגעהערט זייערע טענות, האט ער פארשטאנען, אז דער איד

איז נישט גערעכט, און די שבועה וואס ער וויל שווערן איז פאלש.

האט ער געבעטן רשות ארויסצוגיין אויף א מינוט, און איז גלייך ארויף אין עזרת נשים, און זיך צוגעהערט צו זייער שמועס. הערט ער ווי דער גוי זאגט פאר'ן איד, ווי קענסטו שווערן אזא פאלשע שבועה? ענטפערט דער איד, וואס זאל איך טאן, כ'האב נישט קיין ברירה, ווייל געלט צו באצאלן האב איך נישט. ווי נאר דער דיין האט דאס דערהערט, איז ער גלייך אראפ צו זיי און געהייסן דעם איד באצאלן, און אים צוגעגעבן א פארציע מוסר. מיט דעם האט דער בן איש חי' געטייטשט "שמוע בין אחיכם" - הערט אייך אונטער צווישן זיי, און דורך דעם וועט זיין, "ושפטתם צדק".

*

## לא תכירו פנים במשפט

הרה"ק ר' שמואל שמעלקא מ'ניקלשבורג זי"ע, האט פארמאגט א ספעציעלן מלבוש וואס דאס האט ער געניצט נאר ביים פירן א דין תורה, ער האט דאס געשטעלט העכער זיין פנים, כדי נישט צו קענען קוקן אויפ'ן בעל דין.

איינמאל ביי א דין תורה האט זיך איינער פון די בעלי דינים אנגערופן, אפשר גיבט דער רבי א קוק אויף מיר, ווייל חז"ל זאגן אז א תלמיד חכם איז א מבין מיט זיין טביעת עין, און דער רב וועט שוין זיין א מבין מיט זיין בליק.

האט רבי שמעלקא אים געענטפערט, "איך האב נאך אין מיין לעבן נישט געקוקט אויפ'ן פנים פון א בעל דין, מקיים צו זיין דעם פסוק לא תכירו פנים במשפט, ווייל אז מ'קוקט אויף דעם פנים פון א בעל דין, איז דאס אליין א שטיקל שוחד".

*

נאך ווערט דערציילט אז ביי ר' שמעלקא איז געהאנגען אין זיין בית דין שטיבל אויף די וואנט א שטעקן מיט א קליין זעקל. ווען די פרנסי הקהל האבן געפרעגט א הסבר דערויף, האט ער זיי געזאגט, אזוי ווי ביי מיר איז נישט דא אזא זאך אז איך זאל פסק'נען א דין תורה מיט די מינדערסטע פאלשקייט ח"ו, איז טאמער מאכט זיך א דין תורה, און איך וועל וועגן דעם אמת'ן פסק דין פארלירן מיין רבנות פאסטן, בין איך אויף דעם אויך גרייט. דעריבער האב איך שטענדיג אנגעגרייט דעם שטעקן מיט'ן זעקל.

*

## וטפכם אשר אמרתם לבז יהיה

הרה"ק ר' יודא צבי מ'ראזלא זי"ע, איז אמאל געזיצן ביי זיין שווער דער הייליגער עטרת צבי זי"ע, און דער שווער האט געקרעכצט. האט איהם זיין איידעם געפרעגט פארוואס ער טרויערט אזוי? האט ער געענטפערט, "קוק ווי אזוי די דורות גייען נידריגער און נידריגער, צו ווען וועט משיח קומען?" נאכדעם האט ער געזאגט, "דער פסוק זאגט 'וטפכם אשר אמרתם לבז יהי', ובניכם אשר לא ידעו היום טוב ורע', די שפעטערדיגע דורות וואס וועלן שוין נישט וויסן קיין חילוק צווישן שלעכט'ס און גוט'ס, אלעס וועט ליידער זיין דאס זעלבע, 'המה יבאו שמה ולהם אתננה', אט צו די וועט משיח קומען".






# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

# הלכות פון די ניין טעג

## וואשן די קערפער

### א

### שאלה: ווי אזוי מעג מען זיך וואשן די קערפער אין די ניין טעג?

**תשובה:** עס ווערט געפסק'נט אין שלחן ערוך, אז פון ראש חודש אב ביז נאך תשעה באב, טאר מען זיך נישט וואשן די גאנצע גוף אפילו מיט קאלט וואסער, נישט אין א וואנע, און נישט אונטער א שויער, מען מעג נאר וואשן דעם פנים, די הענט און די פיס, מיט קילע וואסער, און אן קיין זייף.

ווען עס איז שווער צו וואשן די פלעצער מיט קילע וואסער, קען מען מקיל זיין צו וואשן מיט לוילער וואסער (אשל אברהם בוטשאטש סימן תקנ"א).

**באמערקונג**

כאטש מען טאר נישט וואשן אפילו נאר די הענט מיט ווארעם וואסער, און מיט זייף, פונדעסטוועגן מעג מען וואשן כלים מיט ווארעם וואסער און אפילו מיט זייף, וויבאלד די כוונה איז נישט צו וואשן די הענט נאר די כלים (עפ"י אשל אברהם בוטשאטש סימן תקנ"א).

### ב

### שאלה: וואס איז די הלכה וועגן וואשן דעם קאפ, אזוי אויך מיידלעך וואס זייערע האר איז פארשוויצט, און עס פאדערט זיך צו וואשן די האר מיט ווארעם וואסער, און מיט זייף?

**תשובה:** אויך דעם קאפ מעג מען וואשן מיט קילע וואסער, און נישט מיט ווארעם וואסער, און נישט מיט זייף (מגן אברהם ס"ק א').

מיידלעך וואס עס פעלט זיי אויס זיך צו וואשן די האר מיט ווארעם וואסער, ווייל די האר איז פארשוויצט, אדער פארקלעבט, א.ד.ג., מעגן זיי וואשן זייער האר מיט ווארעם וואסער אן קיין זייף, ווען עס איז דא א צורך מעג מען אויך מיט אביסל זייף (שו"ת שלמת חיים סימן ר"ט).

## בלוטערן אויפן קאפ

ווער עס האט בלוטערן אויפן קאפ אדער לייז א.ד.ג., אזוי אויך ווער עס האט פינטלעך אויפן פנים א.ד.ג., און דאס איז אים מצער, מעג דאס אפוואשן אפילו מיט ווארעם וואסער, און אפילו מיט זייף (מ"ב ס"ק צ"ג).

## טריקענען די האר מיט א בלויער

מען מעג טריקענען די האר מיט א מאשין וואס טריקנט די האר [בלויער], און כאטש די וואסער פון די האר ווערט אנגעווארעמט, וויבאלד די כוונה איז צו טריקענען די האר, און נישט צו וואשן.

### ג

### שאלה: אויב עס פעלט אויס פאר איינעם צוליב זיין געזונט צושטאנד, זיך צו וואשן דעם גאנצן גוף, אדער נאר א טייל פון גוף, מיט ווארעם וואסער, און מיט זייף, מעג ער זיך וואשן?

**תשובה:** א שוואכער מענטש, אדער א חולה וואס עס פאדערט זיך פאר זיין געזונט זיך צו וואשן זיין קערפער מיט הייס וואסער, קען מקיל זיין (שערי תשובה ס"ק ל"ז, מ"ב ס"ק פ"ח).

פארשטייט זיך אז אויב עס פעלט אויס פארן געזונט צו וואשן נאר א געוויסע טייל פונעם קערפער, מעג מען זיך וואשן נאר דארט ווי עס פעלט אויס.

דעריבער ווען מען האט א וואונד, אדער אן אויסשלאג, און עס פעלט אויס זיך צו וואשן, אדער ווייקן דאס פלאץ מיט ווארעם וואסער, מעג מען וואשן אדער ווייקן נאר וויפיל עס פעלט אויס פאר די וואונד, און אויב עס פאדערט זיך צו וואשן דאס פלאץ מיט זייף, מעג מען אויך מיט זייף.

### ד

### שאלה: איינער וואס זיין קערפער איז שמוציג געווארן, אדער ער איז שטארק פארשוויצט, און עס פאדערט זיך צו וואשן מיט ווארעם וואסער און זייף, מעג דאס טאן?

**תשובה:** איינער וואס איז שמוציג, אדער "שטארק" פארשוויצט, און עס פאדערט זיך אים צו וואשן די גאנצע קערפער, מעג זיך וואשן מיט קילע, אדער לוילעכע וואסער, און אויב עס פאדערט זיך מעג מען אפילו מיט ווארעם וואסער, אבער דעמאלסט זאל מען זיך נישט וואשן דעם גאנצן קערפער אויף איינמאל, למשל אין א וואנע אדער אונטער א שויער, נאר מען זאל וואשן דעם קערפער טיילוויז, און אויב עס איז שווער זיך צו וואשן טיילוויז, קען מען זיך וואשן די גאנצע קערפער אויף איינמאל, און מען זאל אינזין האבן אז מען וויל נישט הנאה האבן פונעם וואשן (עפ"י המ"ב סימן תרי"ג ס"ק א').

דאס זעלבע איז ווען איינער האט א שלעכטע גרויך אויף זיין קערפער, אדער עס קראצט אים זיין קערפער.

**באמערקונג**

די פוסקים שרייבן אז אפילו ווער עס האט א היתר זיך צו וואשן מער ווי די הלכה איז מתיר פאר סתם מענטשן, למשל וועגן געזונטהייט א.ד.ג., טאר זיך נישט וואשן ברבים ווי אין מקוה, ווייל נישט יעדער ווייסט אז ער האט א ספעציעלע היתר, און דאס איז גורם אז מען וועט זיך אפלערנען פון אים, און דאס איז א גרויסע מכשול לרבים.

נאכמער אפילו זיך צו וואשן נאר דעם פנים און די הענט און פיס מיט קאלט וואסער, וואס דאס איז מותר פאר יעדעם ווי פריער דערמאנט, פונדעסטוועגן זאל מען דאס נישט טוהן אין מקוה, וויבאלד במקום רבים לערנט מען זיך אפ איינער פון צווייטן, און נישט יעדער ווייסט די פרטי הלכה און ער איז גורם חלילה אז איינער וואס איז נישט אזוי באקאנט אין די הלכות וועט זיך אפלערנען פון אים צו טהון א זאך וואס איז אסור על פי הלכה, און ווי באקאנט זענען די הלכות גאר הארב.

חז"ל האבן געזאגט גאר הארבע זאכן אויף איינעם וואס איז נישט מתאבל אויף ירושלים כראוי, און די אחריות ח"ו ליגט אויף אים, דעריבער זאגן די פוסקים אז מען זאל זיך מונע זיין גארנישט צו טוהן ברבים, נאר טוהן וואס ער מעג ביי זיך אינדערהיים בצינעא.

## ה
## שאלה: איז די הלכה פון נישט וואשן דעם גוף שייך אויף ביי קינדער?

**תשובה:** גאנץ קליינע קינדער וואס עס פעלט אויס אז מען זאל זיי וואשן יעדן טאג, מעג מען זיי וואשן ווי געווענדליך (שו"ת קנה בושם ח"א סימן ל"ב).

אבער קינדער וואס דאס וואשן איז נישט וויכטיג פאר זייער געזונט, טאר מען נישט וואשן פונקט ווי ערוואקסענע, אפילו זיי זענען נאך נישט מחויב בחינוך (לקט יושר עמוד ק"ט).

קינדער וואס מאכן זיך שטארק שמוציג, מעג מען זיי יא וואשן לויט ווי עס פאדערט זיך, אבער מען דארף אכטונג געבן אז זיי זאלן זיך נישט פארזוימען אין וואסער מער ווי עס פעלט אויס.

**באמערקונג**

מען דארף אכטונג געבן אז די קינדער זאלן נישט גיין אונטער די ספרינקלערס, ווייל אויך דאס גייט אריין אין איסור פון וואשן, און אויך ווייל דאס קען צוברענגען אז מען זאל זיי דארפן נאכדעם באדן.

## ו
## שאלה: מעג מען לאזן קליינע קינדער שווימען אין א סווימונג פאל?

**תשובה:** מען טאר נישט שווימען אין די נין טעג, אפילו אין קאלט וואסער, און אפילו גאנץ קליינע קינדער, ווייל דאס גייט אויך אריין אין איסור רחיצה (שו"ת רב פעלים או"ח סימן כ"ט).

## ז
## שאלה: מעג מען זיך פוצן די ציין אין די נין טעג?

**תשובה:** ווער עס פוצט שטענדיג די ציין מיט ציין פּוץ, מעג אויך פוצן אין די נין טעג, ווייבאלד מען טוט דאס פאר געזונטהייט, און פאר די ריינקייט פון די ציין, אבער ווער עס פוצט נישט געווענליך די ציין, איז נישט גלייך אז ער זאל זיך פוצן די ציין אין די נין טעג צוליב פארגעניגן, אויסער אויב ער טוהט דאס צוליב א סיבה, ווי למשל די מויל האט א גרויך א.ד.ג. (שו"ת עמק התשובה סימן צ"ב אות א').

## ח
## שאלה: מעג מען זיך טובל'ן אין די נין טעג אין א ווארעמע מקוה?

**תשובה:** עס איז א קלער אין די פוסקים צי מען מעג זיך בכלל טובל'ן אין די נין טעג אין מקוה אפילו פון קאלט וואסער, ווייבאלד להלכה טאר מען זיך נישט וואשן די גאנצע גוף אפילו מיט קאלט וואסער.

דער מגן אברהם שרייבט, אז נאר דער ווער עס פירט זיך צו טובל'ן יעדע פרייטיג לכבוד שבת, מעג זיך טובל'ן לכבוד שבת.

דער ליקוטי מהרי"ח שרייבט, אז ווייבאלד עס איז איינגעפירט ביי חסידים אז מען טובל'ט זיך יעדן טאג פארן דאווענען, דעריבער ווער עס טובל'ט זיך יעדן טאג, מעג זיך טובל'ן אויך אין די נין טעג פארן דאווענען (ליקוטי מהרי"ח ח"ג דף נ"א ע"ב).

און דער טעם איז ווייל דער איסור איז נאר זיך צו וואשן דעם גוף, און טבילה איז נישט בכלל רחיצה, נאר דאס איז כדי מרבה צו זיין טהרה.

דער ויגד יעקב זצ"ל איז אנגעפרעגט געווארן אויף דעם מנהג ביי חסידים וואס טובל'ן זיך יעדן טאג פארן דאווענען, אז דאס איז לכאורה א קעגן די הלכה, עס ווערט דאך געפסק'נט אין שלחן ערוך אז מען טאר זיך נישט וואשן די גאנצע גוף, האט ער געענטפערט, עס איז דאך מבואר אין שלחן ערוך אז לצורך רפואה מעג מען זיך וואשן דעם גוף, קומט אויס פון דעם אז להלכה מעג מען זיך טובל'ן, ווייל די טבילה איז דאך א רפואה פארן נפש (שו"ת משפטי ליעקב סימן י').

## טובל'ן אין ווארעם וואסער

דער דרך החיים שרייבט, און אזוי פסק'נט אויך דער משנה ברורה (שער הציון ס"ק צ"ח), אז דער היתר זיך צו טובל'ן איז דוקא אין קילע וואסער, אבער נישט אין ווארעם וואסער, עס זענען דא וואס זענען מתיר אין לוילעך וואסער (אשל אברהם בוטשאטש סי' תקנ"א), דעריבער דארף מען לכתחלה מקפיד זיין צו גיין אין א מקוה פון קילע וואסער, אדער לכל היותר לוילעך וואסער.

און אויב עס איז דא נאר א ווארעמע מקוה, קען מען מקיל זיין זיך צו טובל'ן אין דעם (כף החיים ס"ק צ"ג).

**באמערקונג**

מען דארף צו וויסן אז דער היתר איז נאר זיך צו טובל'ן, אבער מען טאר זיך נישט פארזוימען אין וואסער מער וויפיל עס פעלט אויס פאר די טבילה, ווייל דאס ווייקן אפילו אין קאלטע וואסער איז אויך אין כלל פון איסור רחיצה.

## ט
## שאלה: מעג מען גיין אין די נין טעג זיך טובל'ן קודם אין די ווארעמע מקוה, און נאכדעם גיין אויך טובל'ן אין די קילע מקוה, אדער פארקערט?

**תשובה:** מען טאר דאס נישט טוהן, ווייבאלד מיטן טובל'ן אין די ערשטע מקוה האט מען שוין יוצא געווען דעם ענין פון טבילה, קומט אויס אז דאס גיין אין די צווייטע מקוה איז שוין נאר לשם תענוג, וואס דאס איז א איסור רחיצה, און מען האט מתיר געווען נאר טבילה און נישט קיין רחיצה, און דאס אריין גיין אין די צווייטע מקוה ווערט שוין גערעכנט פאר א רחיצה אפילו מען טובל'ט זיך דארט.

## יהי רצון שיתהפכו ימים אלו לששון ולשמחה.

# מאור התורה

ציצים ופרחים על ענייני הפרשה

## לא תגורו מפני איש

הרה"ק מ'בוטשאטש זי"ע איז שוין יונגערהייט געווען מפורסם אלץ א גרויסע גאון און צדיק, און ווען די קהלה אין בוטשאטש האט געזוכט א רב האט מען געוואלט אויפנעמען דעם יונגען גאון, און אלע ראשי ונכבדי הקהלה האבן מסכים געווען צו דעם, און מען האט אים געשריבן א כתב הכתרה, אויסער איינער האט נישט מסכים געווען אונטערצושרייבן, דאס איז געווען ר' אבא די ראש הקהל וואס איז אויך געווען א גרויסע ערליכע איד, און ער האט גע'טענה'ט אז וויאזוי קען מען אויפנעמען א רב פון אזא גרויסע שטאט ווען ער איז נאך אזוי יונג, ווער זאגט אז ער וועט דאס קענען ריכטיג פירן, און ער איז טאקע נישט געגאנגען צו די גרויסע קבלת פנים פאר די נייעם רב, אפילו אלע חשוב'ע און עלטערע אידן זענען דארט געווען.

נאך אפאר טעג האט די ראש הקהל ר' אבא געשיקט זיין משמש צום בוטשאטשער רב אז ער זאל זיך אפרעדן פאר די רב אויף די ראש הקהל, און ער זאל זאגן פאר די רב אז ער וויל רופן די ראש הקהל צו א דין תורה.

פארשטייט זיך אז די רב האט געטון וואס ער האט צוטון אן קיין פשרות, און ער האט געשיקט רופן די ראש הקהל צו א דין תורה, און די ראש הקהל האט נישט געוואלט קומען, נאר ער האט צוריק געשיקט זאגן אז איך קען נאך אזוי גוט לערנען ווי די נייע רב, און ער האט זיך נישט וואס אריינצומישן אין מיינע געשעפטן.

די רב האט זיך נישט דערשראקן, כאטש וואס ער איז די ראש הקהל פון שטאט, נאר ער האט נאכאמאל געשיקט רופן די ראש הקהל, און ער האט אים געזאגט אז אויב ער וועט נישט קומען וועט ער לייגן א חרם אויף אים, ווען די ראש הקהל האט געהערט אז די רב האט נישט מורא פון אים, נאר ער טוט וואס א רב דארף טון, איז ער געקומען צום רב און אים געקישט אין שטערן, און געזאגט אז יעצט איז ער גרייט צו אונטערשרייבן אויף די כתב הכתרה.

ווען די רב האט אים געפרעגט פארוואס ער איז נישט געקומען גלייך ווען ער האט אים גערופן, האט ער אים מסביר געווען אז באמת האט ער נישט קיין שום דין ודברים מיט זיין משמש, נאר ער האט געוואלט אויס-פרובירן צו די רב איז טאקע ראוי צו פירן די שטאט, און יעצט זעהט ער אז ער איז ראוי און ער איז געקומען אונטערשרייבן אויף די כתב הכתרה.

*

הרה"ק ר' שלום מ'שאץ זי"ע האט פארציילט אז ווען מען האט געוואלט אויפנעמען רבי יואל אשכנזי זצ"ל צו דינען אלס רב אין טאלטשווא, האט מען געשיקט בעטן אן הסכמה פון הרה"ק ר' מאיר'ל מ'פרעמישלאן זי"ע, און רבי מאיר האט אויפגעהאלטן זיין הסכמה א לאנגע צייט, און נאך א שטיק צייט האט ער צוריק געשיקט אן הסכמה, און האט זיך פארענטפערט פאר'ן אויפהאלטן זיין בריוו, ווייל ער האט געוואלט זעהן ווי שטארק זייער רב איז נזהר אין לא תגורו מפני איש, און יעצט ווען ער זעהט אז ער איז שטארק אין די לאו, קען ער יעצט שרייבן א הסכמה. ומעשה שהיה כך היה.

רבי יואל האט געהאט געפירט א דין תורה, און איינער פון די צווייטע צדדים איז געווען א קרוב צו רבי מאיר'ל מ'פרעמישלאן און יענער האט מסרב געווען צו קומען אין דין תורה, און מיט דעם אלעם האט ער געשריבן א סירוב קעגן דעם איד. און רבי מאיר'ל האט צוגעלייגט אז ס'שטייט אין פסוק אין פרשת וארא, "וידבר אלקים אל משה ויאמר אליו אני ה'", איז רש"י מפרש "דבר אתו משפט על שהקשה לדבר ולומר למה הרעותה לעם הזה", האט ר' מאיר'ל מפרש געווען, אז בעפאר די רבוש"ע האט געשטעלט משה רבינו צו פירן כלל ישראל האט ער אים געוואלט אויספרובירן, האט ער אים געזאגט די ציווי פון לא תגורו מפני איש, און די אייבערשטער האט געוואלט זעהן צו ער האלט אין די לאו אויך כלפי שמיא כביכול, ווען דעם האט דער אייבערשטער דעמאלטס שטערקער געמאכט די קישוי השיעבוד אויף די אידן, און משה רבינו האט זיך טאקע נישט צוריק געהאלטן פון פרעגן דעם אייבערשטן "למה הרעותה", דעמאלטס האט דער אייבערשטער געזעהן אז משה רבינו איז טאקע ראוי צו זיין די מנהיג הדור, ווען דעם זאגט רש"י "דבר אתו משפט" דבר איז א לשון הנהגה "על שהקשה למה הרעות" אז די אייבערשטער האט אים געמאכט מנהיג ווען ער האט געפרעגט למה הרעותה.

*

אין גרויסע פעלער האבן צדיקים געדארפט זאגן פארקערט, אזוי ווי עס איז געווען ביי הרה"ק ר' יששכר דוב מבעלזא זי"ע, אז איינער איז אמאל געקומען צו אים, און געזאגט אז ער האט טענות אויפ'ן אייבערשטן און ער וויל פירן מיט אים א דין תורה, האט אים בעלזא רב געענטפערט אז איך קען נישט פירן דעם דין תורה ווייל עס שטייט אין פסוק לא תגורו מפני איש, און איך האב מורא פונעם אייבערשטן.


בעזהשי"ת

קהל אור החיים ד'טאהש

קרית טאהש

ערש"ק פר' דברים חזון תשפ"ו לפ"ק

זמנים לתשעה באב

בביהמ"ד הגדול

ליל תשעה באב

מעריב ............ בשעה 9:47

יום תשעה באב

שחרית ............ ברכות 9:00 הודו 9:15

אחר הקינות יהיה בע"ה

מנין מנחה גדולה בביהמ"ד הגדול

חצות ת"ב 1:02 | מנחה גדולה 1:45 | אויספאסטן ר"ת 9:46

ויה"ר שהימים האלו יתהפכו לששון ולשמחה בב"א

הנהלת הקהלה

# הרה"ק הבאר מנחם מקאלוב זי"ע

*דעם קומענדיגן מיטוואך - ח' אב, געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן באר מנחם פון קאלוב, הרה"ק רבי מנחם בן הרה"ק רבי אברהם בראדי זי"ע - חתנא דבי נשיאה פונעם הייליגן שרף זי"ע, א פעטער און רבו מובהק פון רביה"ק זי"ע.*

## ואלה מתולדותיו

דער הייליגער באר מנחם איז געבוירן אינעם שטאט קליינווארדיין, אום כ"ב שבט תר"כ לפ"ק.

דער באר מנחם איז אויפגעוואקסן אין די יוגענט על דרכי תורה וחסידות, ביי זיין זיידע דער הייליגער בעל פני יצחק מקליינווארדיין זי"ע, און ווערנדיג עלטער איז דער באר מנחם געפארן לערנען צום הייליגן ייטב לב פון סיגוט זי"ע. אזוי אויך איז ער געווען דבוק אינעם גאון וקדוש רבי יואל צבי ראטה אב"ד חוסט זצ"ל, ובעמח"ס בית היוצר.

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

דער באר מנחם האט זוכה געווען צו טרעפן א גאר געראטענעם שידוך, די טאכטער פון רבינו השרף זי"ע, הרבנית הצדיקת מרת מרים ע"ה. די גרויסע חתונה איז פארגעקומען אין שטאט טאהש, ראש חודש ניסן תרמ"ג לפ"ק.

עס איז אינטערעסאנט צוצולייגן, אז מען האט אמאל געפרעגט דעם הייליגן בעל בית היוצר, אין וועלכער זכות האט דער באר מנחם זוכה געווען זיך צו משדך זיין מיט די קינדער פון אט דעם גרויסן צדיק וקדוש, רבינו השרף. האט דער בעל בית היוצר דערויף געענטפערט, **"מענדל'ע האט ביי שלש סעודות געוויינט אז דער טעם פון שבת זאל אים נישט אוועקומען..."**

נאך זיין חתונה, האט ער באקומען אלץ "נדן" צו דינען ברבנות אין טאהש, און פאר א משך פון ניין-און-צוואנציג יאר האט ער באלאכטן דעם שטאט מיט זיין אור התורה, קדושה, און ערליכקייט, און מדריך געווען די שטאט לדעת את המעשה אשר יעשון.

אין יאר תרס"ב לפ"ק איז דער באר מנחם אויפגענומען געווארן אלץ אב"ד דק"ק קאלוב, און האט דארט געדינט ברבנות ביז צו זיין פטירה.

דער באר מנחם האט מחבר געווען זיין הייליג ספר, "באר מנחם", און עס איז געקרוינט געווארן מיט אן הסכמה פון זיין שוואגער רבינו הסב"ק זי"ע.

נאך די צווייטע וועלט מלחמה, ווען מען האט איבערגעדריקט דעם הייליגע ספר, האט דאס אויך באקומען אן הסכמה פון רביה"ק זי"ע. די דאטום אויפ'ן הסכמה איז, י"ג ניסן תשי"ט בעיר מאנטריאל.

דער הייליגער באר מנחם איז נסתלק געווארן אום ח' מנחם אב אין יאר תרצ"ח לפ"ק, ומנו"כ

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

## זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ח' אב | הרה"ק רבי מנחם בן ר' אברהם זי"ע - מ'קאלוב - באר מנחם חדב"ן רבינו השרף זי"ע | תרח"ץ |
| ט' אב | הרה"ק רבי יעקב יצחק בן רבי אברהם אליעזר הלוי זי"ע - החוזה מ'לובלין | תקע"ה |

## זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ד' אב | הרב החסיד ר' מרדכי נתן בן ר' נחמן ע"ה דייטש | תשפ"ה | ביה"ח בלאנג איילענד |
| ה' אב | הילד ישעי' ע"ה בן ר' שלמה הי"ו גוטמאן | תשל"ז | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |
| ה' אב | הרב החסיד ר' יצחק אייזיק בן ר' יוסף צבי ע"ה קליין | תשס"ו | ביה"ח ענפיעלד ד'לאנדאן |
| ו' אב | הרב החסיד ר' יושע ישראל בן ר' צבי הכהן ע"ה פישער | תשפ"ה | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |
| ח' אב | האשה החשובה מרת יענטא בת ר' שמואל ע"ה קרויס<br>אשת מוה"ר אלקנה מאיר ע"ה | תש"פ | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ט' אב | הרב החסיד ר' משה בן ר' נחמי' ע"ה שווארץ | תשל"ב | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |
| י' אב | הרב החסיד ר' ישראל עמרם ע"ה בן ר' שלמה זלמן חיים הי"ו פראמאוויטש | תשפ"ג | ביה"ח בשיכון סקווירא |
| י' אב | האשה החשובה מרת שרה פייגא בת ר' שלמה ע"ה גוטמאן<br>אשת הרה"ח ר' ישראל ברוך ע"ה | תשס"ח | ביה"ח בקרית יואל |

איז אין שטאט קאלוב.

## גדול ומהולל מאוד

דער באר מנחם איז געווען איבערגעשעצט, מיט זיין גרויס קדושה וצדקות וואס ער האט פארמאגט.

זייענדיג רב אין שטאט קאלוב, איז זיין נאמען געהויבן געווארן גאר שטארק, פאר א צדיק וקדוש, און א גרויסע פועל ישועות, און ער איז פארערכנט געווארן פון די גדולי הרבנים פון גאנץ אונגארן.

דער באר מנחם האט האט זיך אמאל אנגערופן צום שרף: **"די וועלט זאגט אויף מיר אז איך קען אלעס, נו, וויאזוי האב איך טאקע די כוחות דערצו? ווייל איך וויל נישט נאר וואס יענער וויל!"**

## ובקרב קדושים תתהלל

דער באר מנחם איז געווען גאר באליבט ביי זיינע רבי'ס, און אלע גדולי וצדיקי הדור, ווי מען זעהט פון די אלע בריוו'ן צווישן זיך. מיר וועלן אראפברענגען לשונות פון עטליכע בריוו'ן וואס גדולי דורו האבן זיך אויסגעדריקט אויף אים, וואס פון די אלע אויסדריקן קען מען עטוואס משיג זיין אין זיין גרויסקייט.

רבו מובהק פונעם באר מנחם, דער הייליגער בעל בית היוצר, דריקט זיך אויס אין א בריוו אויפן באר מנחם, ווען ער איז געווען רב שטאט אין טאהש, ווי פאלגענד:

**"שפעת חיים וברכה, לכבוד אהובי ידיד נפשי הרב המאוה"ג המופלא ומופלג בתורה וביראה הרוממות החו"ב כקש"ת מו"ה מנחם בראדי אב"ד בק"ק טאהש יע"א. כתבו היקר הגיענו וכו', ועכשיו לקחתי לי פנאי לעיין במכתבו ולהשיבו על הענין..."**

דער הייליגער ערוגת הבושם זי"ע האט געשריבן א שאלה צום באר מנחם אין די תקופה זייענדיג שטאט רב אין טאהש, ווי פאלגענד:

"שלום וכל טוב, לכבוד ידיד נפשי הרב המאוה"ג חו"ב בחדרי תורה זית רענן יפה תואר בנש"ק כקש"ת מו"ה מנחם מענדיל בראדי נ"י האבד"ק טאש יע"א".

## מגמת נפשו — הרבצת התורה לתלמידים

מגמת נפשו הטהורה פונעם באר מנחם, איז געווען "הרבצת התורה". און טאקע דערפאר האט דער באר מנחם שוין אין די ערשטע תקופה ווען ער איז געקרוינט געווארן אלץ אבדק"ק טאהש, שוין אנגעהויבן פירן די ישיבה אין שטאט, וואס איז נתייסד געווארן דורך זיין שווער, רבינו השרף.

## פון צען — ביז צענדליגע

נאך די חתונה, האט אים רבו מובהק דער בעל בית היוצר געגעבן פאר "דורן דרשה" צען תלמידים, וואס די זענען געווען פון די ערשטע תלמידים אין די ישיבה וואס דער באר מנחם האט געפירט עד יום מותו, פאר א משך פון פינעף-און-פופציג יאר, ניינצן יאר אין טאהש, און זעקס-און-דרייסיג יאר אין קאלוב.

דער באר מנחם האט געפירט זיין גרויסע ישיבה מיט א צוגעלאזנקייט צו יעדן תלמיד, און יעדעם מדריך געווען ווי אן אייגן קינד על דרך התורה והחסידות.

דער באר מנחם האט געזאגט בערך אין יאר תרפ"ה: **"איך האב אצינד צוועלף טויזענט תלמידים, און איך ווייס די התנהגות און מהות פון יעדע תלמיד באזונדער"**.

## די אלע זענען מיינע קינדער

ווי באקאנט האט דער באר מנחם נישט זוכה געווען צו קיין זרע של קיימא, האט ער דערפאר אריינגעלייגט זיינע אלע כוחות אין די תלמידי הישיבה, זיי זאלן אויסוואקסן לשם ולתפארת.

עס ווערט דערציילט אז אמאל איז דער ראש הקהל פון נירעדהאז געקומען באזוכן דעם באר מנחם, און אינצווישן די שמועס, האט מען גערעדט איבער דעם אז דער באר מנחם האט ל"ע נישט קיין קינדער. האט דער באר מנחם אנגעכאפט דעם האנט פונעם נירעדהאזער ראש הקהל, און געעפענט דעם דערנעבענדיגער טיר, און אים געוויזן זיינע תלמידי הישיבה, און זיך אנגערופן, **"די אלע זענען מיינע קינדער."**

## דיר קומט נישט קיין טיי

דער באר מנחם האט געלייגט א שטארקע דגוש אויף זיינע תלמידים, אז מען זאל גיין יעדן צופרי אין א כשר'ע מקוה. יעדע שבת אינדערפרי פלעגט ער טיילן "טיי מיט ציקער", און ער פלעגט א בליק טאן אויף יעדע תלמיד בעפאר דעם, און געזעהן מיט רוח הקודש אויב ער איז היינט געווען אין מקוה, און אויב נישט, האט ער זיך אנגערופן צו יענעם תלמיד: **"דיר קומט נישט קיין טיי, ווייל דו ביסט נישט געווען אין מקוה!"**

## עס איז כדאי צו מסיים זיין דעם מאמר פונעם הייליגן "באר מנחם", מיט א הערליכן שטיקל עבודת עבודה, ווי רביה"ק זי"ע רעדט מיט געגועים און בענקשאפט צום באר מנחם:

"וכאשר אנו מזכירים את שמו של רבי מנחם בראדי, רצוני שתדעו שאנו מדברים כאן מאיש צדיק וקדוש מאוד, שהיה משכמו ולמעלה גבוה מכל העם, והיה ענק מאוד בתורה ועבודה, זכיתי ללמוד בישיבתו הק' כמה שנים, וכל הנהגותיו נחקקו היטב בזכרוני, ואני חוזר במחשבתי תמיד, את מה שראיתי בו בימים ההם, כי כל תנועותיו היו כשולחן ערוך, והנהגותיו היו נפלאות מאוד, ותמיד ראו שבוער בו אש קודש לה', ער איז זייער געטליך געווען והיה תענוג לשהות במחיצתו..."

(עבו"ע שיח"ק ח"ג מוצשב"ק וישב)

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן






המשך סימן ב'

## נטילת ידים שחרית

### נטילה מיד בלא שהיות

ח. כשהתעורר משנתו נטל ידיו תיכף ומיד בלי שהיות ח).

### לא להכניס את הידים במים

ט. היה מזהיר לא להכניס את הידים [ז] במים לפני הנטילה וכפי שמפורש בהלכה ט).

### סדר הנטילה

י. סדר נטילתו היתה כך: נטל הכלי בידו הימנית ונתנו לידו השמאלית, ושפך על כל יד ג' פעמים בסירוגין, ושוב שפך על כל יד ג' פעמים רצופין י).

### נטילת ידים ביום כיפור ובתשעה באב

יא. גם ביום כיפור ובתשעה באב בכל הנטילות שנטל במשך היום, נטל כרגיל (ה) את כל היד (האצבעות ופרק היד), אך בזהירות שלא יזובו המים מחוץ לפרק היד יא).

### ניגוב הידים

יב. הורה להלכה שמי שנוטל ידים שחרית רק ג"פ בסירוגין, ולא מוסיף ליטול גם ג"פ ברצופין, צריך להיזהר אח"כ לנגב את הידים, כדי לחוש לאומרים [ח] שבכה"ג כל זמן שלא ניגב עדיין הידים טמאות יב).

#### מעיינות הלוי

**ח)** כתב בשל"ה (סוף מסכת חולין), מיד כשניעור ואינו רוצה לישן, אף שעדיין אינו עומד ממטתו רק נשאר מושכב, יטול ידיו כדי שילך ממנו. ומשמע שמחמיר רק כשדעתו שאינו רוצה לישן עוד, רק נשאר מושכב. אולם בבאר היטב (סי' א סק"ב) משמע דבכל אופן יטול ידו מיד.וכ"כ בזוהר חי (פ' וישב עמ' קפד) וז"ל, וגם יזהר תיכף שינעור משנתו יטול ידיו, ולא יחזור לישון בלא נטילת ידים, כי

#### עבודת הלוי

**(ה)** אך לא היה ניחא ליה כשהיו מסתכלים אחריו לראות מנהגו בזה, אלו שלא ידעו ולא יבינו טעמו והנהגתו בקודש ויבואו להקל בדברי השו"ע ח"ו.

#### בארות הלוי

**[ז]** עוד יש לשים לב, להיזהר מאוד שלא להכניס את הידים הטמאות לתוך המים, כי על ידי זה נכנס רוח הטומאה בתוך המים, והמים נפסלים לנטילה, כנפסק בשו"ע (או"ח סי' ד' סי"ב) (דבר"ק ח"א עמ' רכח).

איתא בפוסקים וכו', כי טרם נטל ידיו, אסור לנגוע במים הטהורים שבתוך הכלי, כי מטמא בזה את כל המים (שיח"ק ח"ג עמ' קמ, שיח"ק ח"א עמ' קז).

**[ח]** בפרט נטילת ידים 'שחרית' צריכה תיקון גדול, כי עוד טרם ישכבו, צריכים לזכור להכין ליד המטה שיעור מים מספיק, כדי שיוכל ליטול בהם את כל כף ידיו לכל הפחות ששה פעמים.

גם צריך מגבת לנגב את הידים, כי אם אינו מנגבם יפה אחר נטילת ששה פעמים, צריך ליטול עוד הפעם, כי לא הוסרו המים הטמאים מעל ידיו

ממשיך עליו טומאה וכו'. ובשלחן הטהור (סי' א ס"ב) כתב, מיד כשיעיר משנתו אף שהוא חלש מאוד לא יישן בלי נטילה.

**ט)** כתב בשו"ע (סי' ד סי"ב), אם שכשך ידיו לתוך כלי של מים, עלתה לו נטילה לק"ש ולתפלה, אבל לא לרוח רעה שעליהם. ובבאר היטב (שם ס"ק יא) ביאר הטעם דלרוח רעה צריך עירוי ג' פעמים דוקא, ושכשוך בכלי אפילו ק' פעמים לא חשיב אלא אחת, שמיד נטמאו המים.

ובשו"ע הרב (מהדו"ק סי' ד ס"ב) כתב וז"ל, בתלמוד הזהירו על רוח הטומאה זו ששורה על הידים וכו', יזהר מאוד בשעת נט"י מהכלי שלא יגע במים תוך הכלי ויטמאם, כי אין המים מטהרים הידים אלא בשפיכה וכו'.

**י)** בשו"ע (סי' ד' ס"ב) פסק דנוטל ג"פ כדי להעביר רוח רעה השורה עליהן. וכתב המג"א (שם סק"ז) וז"ל, ובכתבים (שער הכוונות ענין ברכת השחר) איתא, לא ישפוך על יד אחד ג' פעמים רצופים, אלא פעם אחת על יד ימין ופעם אחת על יד שמאל וכו'.

וז"ל שער הכוונות (דף א ט"ד), בתחלה יטול הכלי של המים בידו הימנית ונותנו בידו השמאלית, ואחר כך שופך מים מידו השמאלית על ידו הימנית, ואחר כך ישפוך מים מידו הימנית על ידו השמאלית, הרי פעם אחת, וחוזר כסדר הזה פעם ב' וג' באופן שתרחוץ כל יד ויד ג' פעמים, ולא תרחצם יחד ג' פעמים כל יד, אלא פעם אחת ביד זו, ופעם אחרת ביד הב' ב'סירוגין', כי על ידי כן רוח הטומאה הנקראת 'שיבתא' וכו' דולגת וקופצת עד שנעתקת לגמרי משם, ואם לאו אינה נעתקת, ע"כ.

אבל בספר סדר היום (כוונת נטילת ידים) ואליה רבא (סי' ד סק"ה) כתבו דהכוונה ב'רצופים', ולכן כתבו בספר חסד לאלפים (פאפו, סי' ד סק"ג) ובפתח הדביר (סי' ד ס"ב), הובא בכף החיים (שם ס"ק יב) ובסידור עיון תפלה להרה"ק מבוטשאטש, לעשות שניהם, דהיינו לשפוך על כל יד ג"פ רצופין ועוד ג"פ לסירוגין .

**יא)** כתב השו"ע (סי' קסא ס"ד), שיעור נט"י כל היד עד הקנה של זרוע, ויש אומרים עד מקום חיבור האצבעות לכף היד. וראוי לנהוג כדעת הראשון.

ובמשנ"ב (שם ס"ק כא) מבאר, דר"ל אף מדינא מי שירצה להקל כדעה שניה אין מוחין בידו וכו', מכל מקום לכתחלה ראוי להחמיר כדעה הראשונה שהרבה גדולי הראשונים סוברים כן, ויש ליזהר מלהקל בזה.

ובביאור הלכה (ד"ה וראוי)העתיק מספר עצי אלמוגים (סק"ו) וז"ל, הנה הראיתיך בעיניך שדעת גדולי הראשונים הלא המה הרי"ף (ברכות מא, ב מדפי הרי"ף) והרמב"ם (הל' ברכות פ"ו ה"ד) ורבינו חננאל והסמ"ג (עשין כז) והריב"א והערוך (ערך מי) והרשב"א (חולין קו, ב ד"ה ורב ששת) שמדינא דגמרא צריך נטילה עד מקום חיבור היד והזרוע, ולכן נ"ל דחייב כל אדם לנהוג כן מדינא, ולא מטעם חומרא, ודלא וכו', עכ"ל.

אבל לגבי יום כיפור ותשעה באב פסק השו"ע (סי' תקנד ס"י וסי' תריג ס"ב) כדיעה השניה שלא ליטול ידיו למעלה מקשרי אצבעותיו.

אמנם הרה"ק מקאמארנא זי"ע בספרו זוהר חי (ח"ד פט ע"ב) הביא את דברי המקדש מלך (על הזוהר שם) שהעתיק מספר 'חמדת ימים' 61, שדחה דברי האומרים שיש ליטול כל היד ביום הכיפורים ובתשעה באב בנטילת ידים של שחרית, על זה כתב: זה שקר מוחלט, וטמא טמא יקרא מי שאינו נוטל ידיו ביום כיפור לגמרי כשאר כל הימים, וכן בתשעה באב, ע"כ. וכבר מצינו בירושלמי (יומא פ"ח ה"א) רב יוסף בריה דרבי יהושע בן לוי ביום הכיפורים מרחיץ ידיו, והסכימו כן בתוס' יומא (עז, ב ד"ה משום) ובתוס' יומא (עז, ב ד"ה משום) וברא"ש (שם פ"ח סי' ג).דוקא באופן שלא מכוין ליהנות מרחיצה רק לסלק הרוח רעה.

והיות והרבה גדולי הראשונים נקטו כדיעה א' וכנ"ל, ולדידהו הרי גם יום כיפור ות"ב צריכים ליטול עד פרק הקנה. וכן פסק מהרי"ל (הל' יוה"כ), ובלקט יושר (שם) כדעת הרי"ף נגד דעת רוב הראשונים, וכן כתוב בספר הפרנס (סי' רעז). וכ"ד האריז"ל בספר טעמי המצות (פר' עקב)שיש ליטול כל היד עד פרק הזרוע, הובא במג"א (סי' ד' סק"ז), ואכן הפרמ"ג שם תמה אם כן למה לא יטול ביום כיפור ות"ב עד הזרוע.

ובספר ארחות חיים כתב וז"ל, כתב בספר אמרי דוד שלפי מ"ש המג"א (סי' ד סק"ז) בשם האר"י (שער הכוונות ענין ברכת השחר) ליטול ידו תמיד בשחרית עד הזרוע, יטול ג"כ בט' באב. וכ"כ (סי' תריג ס"ב) וז"ל, עי' במקדש מלך (על זוה"ק פ' תרומה דף קעג) שכ', דיש נוטלין גם ביוהכ"פ עד הזרוע, ודחה זה, משום דביו"כ יורד הסט"א פלאים, ואין לה כח לידבק רק בסוף הידים דשם מקום הצפרנים, ועל כן אין לרחוץ רק עד קשרי אצבעותיו, ולפי"ז בשחרית צריך ליטול עד הזרוע, ע"כ.

**יב)** הרמ"א (סי' ד ס"ז) בנט"י שחרית כתב, שאינו מעכב לא כלי ולא כח גברא ושאר הדברים הפוסלים בנטילת הסעודה. וכתב המשנה ברורה (סק"ב) דלדעת הפוסקים אין צריך לנגב הידים, ומותר לברך בלא ניגוב.

אולם בשו"ע (שם ס"ז) כתב, טוב להקפיד בנטילת ידים שחרית בכל הדברים המעכבים בנטילת ידים לסעודה. ולגבי נט"י לאכילה, מבואר (שם סי' קנח סי"ב) חומר ענין הניגוב אחר הנטילה, שהאוכל בלי ניגוב כאוכל לחם טמא, ובמשנה ברורה (שם ס"ק מה) הביא הטעם בשם הבית יוסף, משום דמים הראשונים ששופך על ידיו הם שנטמאו מחמת ידיו, ואף דשופך מים שניים לטהר המים, מכל מקום לכתחלה צריך להעביר את הראשונים לגמרי ע"י ניגוב. אבל למהרש"ל טעם עיקר הניגוב הוא משום נקיות, דכשידיו לחים ממי הנטילה יש בו משום מיאוס, ושכן משמע ברש"י (סוטה דף ד').

ובשו"ע (שם סי"ג הל' נט"י) מביא כמה אופנים להקל שאין צריך לנגב הידים, ואחד מהם הוא, כששופך עליהם רביעית מים בבת אחת. מיהו כתב המשנה ברורה (ס"ק מו) דלדעת מהרש"ל הרי גם בזה חייב לנגב הידים, דכיון שמאוס, אם כן מה לי אם שופכן בבת אחת או לא. ובפשטות למהרש"ל שטעם הניגוב הוא מצד נקיות, א"כ גם בנט"י שחרית יתכן שיש לנגב 'מדינא' אפילו כששופך הרבה מים. ולא רק כשבא לאכול לחם.

והיעב"ץ (מור וקציעה סי' ד ד"ה ודון) הובא בכף החיים (ס"ק כז)כתב, ולענ"ד נראה יש חשש ברכה לבטלה כשאין הנטילה הגונה בכל דקדוקי חז"ל וכו'. ולכן יש להחמיר בכל החומרות של נט"י לסעודה. וכן דעת סידור הרב.

ובפרט לדעת המקובלים (ראה באר היטב סי' ד סק"א, שערי תשובה שם סק"א, וכף החיים שם סק"ח) חובה לנגב הידים, כדכתב בספר אור צדיקים למהר"ם פאפיריש וז"ל, העיקר שצריך לנגבם יפה, כי איתא בהגהת ספר היראה שחיבר המאור הגדול מהר"ם נגרו ז"ל, כי אין הרוח רעה סרה עד הניגוב, עכ"ל. וכתב במחזיק ברכה (סי' ד אות א) דלפ"ז לא יברך עד אחר הניגוב, ע"כ.

ובספר עבודת הלוים (ח"ב מנהגי קודש עמ' צח אות ח) מובא שאצל רבינו הסב"ק זי"ע, היה מוכן ליד מיטתו אלונטית לצורך ניגוב הידים לאחר הנטילה, ודקדק שתהיה מיוחדת עבורו לבד.

## בארות הלוי

(פתגמ"ק ח"ב עמ' עב).

איתא בפוסקים וכו' שצריכים ליטול את כל כף היד לכל הפחות ששה פעמים, ולא למחצה לשליש ולרביע. ושצריכים לנגב הידים דוקא, ובאם לאו לא עלתה הנטילה (שיח"ק ח"ג עמ' קמ).

על כן צריכים להכין מים בכלי ליד המטה, ולא לרדת מן המטה עד שיטול ידיו לכל הפחות ששה פעמים, וינגבם אחר כך, שאם לא ינגבם אחר הנטילה לא הועיל כלום(שיח"ק ח"א עמ' ק"ז).

# פתיחת כלים בשבת

בו יתברר האיך לפתוח בשבת כל מין כלי כדרכו ואופנו
נכתב ע"י הרה"ג ר' **נתן ירמי' גאלדשטיין** שליט"א בעל מח"ס מגדנות נתן

המשך משבוע העבר

## סעיף ו

### עפענען א שאכטל זאלץ, וואס איז פארקלעבט מיט א פאפיר.



[בילד 1]

מען טאר נישט 'אראפנעמען' די פאפיר וואס איז ארויפגעקלעבט אויף דעם (צוליב די איסור פון קורע). אבער מען מעג 'ארייןרייסן' אין די פאפיר (אויב די פאפיר האט נישט קיין אויפשריפטן), און אזוי עפענען די אייזן.[1] אויב האט עס יא אותיות אויף זיך, קען מען אויך נישט ארייןרייסן אינמיטן די פאפיר.

**עצה א:** (אויב עס האט אותיות און מען קען נישט אויפרייסן די פאפיר) מען זאל מאכן א לאך אין די שאכטל און ארויסגיסן די גאנצע זאלץ אין אן אנדערע כלי, און מען זאל אוועקווארפן די שאכטל.[2]

**עצה ב:** (א גרינגערע עצה אז מען זאל נישט דארפן ארויסגיסן די גאנצע זאלץ) אז מען זאל מאכן א לאך פון אויבן, און ארויסגיסן וויפיל זאלץ מען דארף פאר שבת (און מער נישט נוצן דעם לאך), און נאך שבת זאל מען עס עפענען אויף די געהעריגע פלאץ.

## סעיף ז

### עפענען א שאכטל זאלץ פון פלעסטיק.



[בילד 2]

די שאכטלעך זאלץ וואס מען עפנט עס דורך דעם וואס מען ברעכט אראפ א שטיקל פון די פלעסטיק דעקל, טאר מען נישט עפענען צוליב די איסור פון מאכן א נייע עפענונג (זעה פרק ג').

**די עצה:** מען זאל מאכן א קליינע לאך פון אויבן, און מען זאל ארויסגיסן וויפיל זאלץ מען דארף פאר שבת (און מען זאל מער נישט נוצן דעם לאך), און נאך שבת זאל מען עס עפענען ביי די געהעריגע עפענונג.

### עפענען די שאכטלעך זאלץ וואס מען פארקויפט אין ענגלאנד.




[בילד 3]

די סארט שאכטלעך זאלץ פון ענגלאנד וואס מען צוברעכט גארנישט ווען מען עפענט עס, מעג מען עפענען לכתחילה אום שבת.

## סעיף ח

### עפענען א טישו באקס.



[בילד 4]

מען טאר נישט עפענען א טישו באקס אויף די פלאץ ווי עס איז אנגעצייכנט (צוליב די איסור פון "פתח" זעה פרק ג').

